# 5

# לכבוד שבת



לחן: ליפא שמעלצר

גראמען: ליפא שמעלצר

ערב שבת שוין צופרי,
דעם שבת קודש גרייט מען צו,
מיט נייע קרעפטן,
לויפט אין געשעפטן,
מ'יאגט אן קוים צום זמן

קינדער לאמיר שיין אנגרייטען,
פאר שבת אלע דריי מאלצייטען,
דו שיין כ'בעט דיך,
קום שנייד די רעטעך,
קומט שבת וועט מען
פריילך זיין

*פזמון:*
**שבת איי איי שבת**
**עס שיינט א פייער**
**אין נשמה אריין**
**אין וואכען פון דעם שבת**
**טוט נאך פארבלייבען**
**די נשמה פלאם**

—

די טאטע מאכט א יושקע,
די מאמע מאכט א קישקע,
גרייט א בשמים פושקע, שבת
שבתון אין לשכוח,
אין קאך עס גייט א רויעך,
מ'לייגט צו קאפ און מוח,
די שבת ברענגט אונז הויעך, שבת

איינער ביים שבת זייגער,
איינער ביים טאפ מיט נייגער,
א קוגעל ווי דער שטיינער, שבת
מ'טוט אן שבת שליסלעך,
מ'שיילט אפ די ניסלעך,
מ'וואשט אויס אלע שיסלעך,
און אלע ווערט גרייט צוביסלעך,
שבת
*פזמון*

—

א לעכטיג דירה פרייטאג נאכט,
מלאכים אורחים מיט 'געבראכט,
מ'ברענגט די זמירות,
מ'זינגט די שירות,
קידוש יעדער מאכט

און זיך וואשען טוען אלע,
מ'טינקט חריף מיט חלה,
די זכור באנדלעך,
געפרעגלט האנדלעך,
יעדענ'ס פנים לייכט
*פזמון*

—

דער עולם שוין איז מיד,
דאך אזא שיינע סעודה,
אויך צייט פאר א רקידה, שבת
עס האט דאך אלע טעמים,
מ'האלט זיך אין די ראמען,
פארברענגט מיט זיי צוזאמען,
די קינדער טאטע מאמע'ן, שבת

נאך אזא וואך באמיען,
די סעודה לאנג נישט ציען,
מ'דארף זיך גוט אויסרועהן, שבת
דער קליינער וועט נישט שטערן,
דעם ברודער ביים פארהערן,
מ'טוט אים גוט אויסהערן,
די נחת וועט זיך מערן, שבת
*פזמון*

—

אין שול מען זיצט ווי ברידער'ס,
און מען פארשפרייט חסידות,
א שיינע שלש סעודות, שבת
עס שיינט א לעכטיג אורה,
דער עולם קוקט מיט מורא,
די רב גייט זאגען תורה,
די קשיא איז שווער לכאורה,
א תירוץ א מסורה, שבת

דער גבאי פון דעם שטיבל,
ער שניידט די הערינג צוויבל,
פונקט ווי עס איז מקובל, שבת

די שבת שוין פאראיבער,
פאר מוצאי לאזט מען איבער,
עס קומט דער גאנצער ציבור,
מ'הערט א מגיד'ס דיבור,
פארציילט א גאנצע חיבור, שבת
*פזמון*

# 6

# שלום עליכם

לחן: ידא בנימין שטראלי

Camp Avir
Theme Song 2003

Special Thanks to
Rabbi Avraham
Yitzchok Meisels

שלום עליכם,
מלאכי השלום,
מלאכי השרת,
מלאכי עליון,
ממלך מלכי
המלכים הקב"ה.

בואכם לשלום,
מלאכי השלום,
מלאכי עליון,
ממלך מלכי
המלכים הקב"ה.

ברכוני לשלום,
מלאכי השלום,
מלאכי עליון,
ממלך מלכי
המלכים הקב"ה.

צאתכם לשלום,
מלאכי השלום,
מלאכי עליון,
ממלך מלכי
המלכים הקב"ה.

שבת קודש.

—

מקהלה:
שלמה טויפיג,
אשר רייכמאן,
יואל פאלקאוויטש,
יענקי בריסקמאן,
ידא בנימין שטראלי

סולן ילד:
וואלווי הירש